בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פרשת חקת-בלק




## דער אמת'ער בליק אויף אידישע קינדער

די גמרא זאגט אין מסכת ברכות (יב:) אז די אנשי כנסת הגדולה האבן געוואלט מתקן זיין אז מען זאל זאגן "פרשת בלעם" יעדן טאג ביי קריאת שמע. "**ומפני מאי לא קבעוה**" - פארוואס האט מען דאס טאקע נישט איינגעפירט? זאגט די גמרא, ווייל עס וואלט געווען א "**טירחא דציבורא**", עס וואלט געווען א גרויסע טירחא פאר מענטשן צו זאגן אזויפיל יעדן אינדערפרי; עס וואלט אוועקגענומען צופיל צייט. מענטשן דארפן גיין צו דער ארבעט; דאס דאווענען אינדערפרי נעמט שוין אויף אסאך צייט, און כאטש עס וואלט געווען א גרויסער תועלת דאס צו זאגן, האבן די אנשי כנסת הגדולה אוועקגעלייגט דעם תועלת אין א זייט, כדי נישט ארויפצולייגן א באזונדער טירחא אויפ'ן ציבור.

ווייסט איר שוין יעצט, וואספארא גרויסע "מצוה" עס איז, ווען עס שטעלט זיך צו א חזן צום עמוד און לייגט אראפ שיינע, הארציגע חזנות-שטיקלעך כדי "מעורר צו זיין" דעם עולם, בשעת די מענטשן דארפן שטיין און אויסהערן. אוועקנעמען צייט פונעם ציבור? ניין. די אנשי כנסת הגדולה האבן דאס נישט צוגעלאזט. חז"ל האבן פשוט רחמנות געהאט אויף אונז און נישט ארויפגעלייגט אויף אונז דעם חיוב צו זאגן פרשת בלעם יעדן טאג ביי קריאת שמע, ווייל עס נעמט צופיל צייט. א מענטש דארף מאכן עפעס געלט אויך. מ'קען נישט זיצן א גאנצן טאג אין שול און זאגן קריאת שמע.

**השי"ת זעט נישט קיין שלעכטס אויף אידן**

**מיר** זעען אין פסוק, ווי בלעם האט שטארק אויסגעלויבט די אידישע קינדער און געזאגט: "השי"ת זעט גארנישט קיין שלעכטס אינעם אידישן פאלק". ווייל השי"ת זעט טאקע באמת נישט קיין שום שלעכטס אויף אידן. אוודאי טוען מענטשן אומריכטיגע זאכן, מען מאכט טעותים, און אויף יעדן מענטש איז געזאגט געווארן, "אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא" (עס איז נישטא קיין צדיק אויף דער וועלט וואס טוט נאר גוטס און זינדיגט גארנישט), אבער השי"ת קוקט אויפ'ן עם ישראל און זעט נישט קיין שלעכטס - "**לא הביט און ביעקב ולא ראה עמל בישראל**" - השי"ת האט נישט געקוקט קיין אומרעכט אין יעקב און נישט געזען קיין מידקייט אין ישראל. השי"ת זאגט, "איך זע גארנישט קיין שלעכטס אין מיין פאלק".

דאס איז אזוי ווי א כלה, וואס מען העלפט איר צו זיך באשיינען צו דער חתונה, און

מען ווייזט איר אן וואו מען דארף נאך אפוואשן און וואו מען דארף נאך רייניגן, "דא איז נאך אביסל שמוציג, דא איז נאך דא א שטיקל פלעק", אבער דאן קומען די חברט'עס און לויבן איר אויס און זאגן איר ווי שיין זי איז. אזוי אויך קומט בלעם און זאגט אונז בלויז דעם ריינעם אמת. בלעם איז געקומען פאר איין-איינציגן ציל: אונז צו זאגן דעם אמת! השי"ת זעט נישט קיין זינד אין זיין פאלק, ער זעט נישט קיין שלעכטס אין עם ישראל. און די דאזיגע לויב-רייד זענען נישט קיין שום סתירה צו די שארפע שטראף-רייד וואס משה רבינו און די נביאים האבן שטענדיג געזאגט צום אידישן פאלק - ווי מיר זעען אין דער גאנצער תורה - וואס דאס איז געווען בלויז מיט'ן ציל אויסצורייניגן די אידן אינגאנצן פון יעדן מינדסטן פלעק און זיי ברענגען צום פולסטן שלימות.

מען קען דאס פארשטיין מיט א משל צו א קינד אין חדר, וואס דער רבי פרעגט אים, "קענסט די גמרא?" ענטפערט דער אינגל, "יא." און עס איז אמת. ער האט גע'חזר'ט די גמרא אינדערהיים איין מאל אדער צוויי מאל, און ער קען טאקע די גמרא. דער רבי זאגט אים אבער, "דו קענסט נישט די גמרא." זעצט זיך דער אינגל אוועק אין ווינקל און חזר'ט נאכאמאל איבער דאס שטיקל גמרא, און יעצט זעט ער, אז ער האט טאקע פריער געהאט עפעס פארזען. אה, יעצט שטימט שוין זייער גוט דער ענטפער פון אביי! יעצט קען ער שוין גוט און קומט צוריק, פרעגט אים דער רבי, "קענסט שוין גוט די סוגיא?" ענטפערט דער אינגל ווידער, "יא." זאגט אים אבער דער רבי, "ניין, דו קענסט נאך אלץ נישט די גמרא." דער אינגל גייט צוריק און חזר'ט נאכאמאל איבער, און ער טראכט צו זיך, "עס זעט מיר אויס ווי אלעס איז שוין גוט פארשטענדליך און עס שטימט זייער גוט. אה, ניין... איך האב געהאט פארזען א ווארט! אמת, איך קען נאכנישט די גמרא!" און אזוי ארום, ווען דער רבי האלט אים אין איין זאגן אז ער קען נאכנישט גוט די גמרא, חזר'ט ער איבער און לערנט אפ יעדעס מאל בעסער די גמרא, ביז ער קומט שוין טאקע אן עס צו פארשטיין גוט מיט א שלימות.

דאס זעלבע האט פאסירט מיט'ן דור המדבר, און אין א געוויסער מאס אויך מיט אלע דורות פון אידן, און אפילו נאך היינטיגע צייטן. די קריטיק, די פארוואורפן וואס מ'מאכט אונז, דאס מאכט אונז ווערן גרויס - פונקט ווי דאס חופה-קלייד פון דער כלה, וואס מ'רייניגט עס אויס פון די קלענסטע פלעקן און קנייטשן, אז עס זאל זיין דאס שענסטע וואס שייך.

## דער טעות פון זען חסרונות אין אידישן פאלק

**מיר** האבן אלע געלערנט אלס קינד אין חדר די שטרענגע שטראף-רייד וואס די נביאים האבן שטענדיג געלאזט הערן פאר'ן אידישן פאלק, אבער ווען מיר ווערן עלטער דארפן מיר פארשטיין דעם אמת פון דער תורה, און דאס איז אז דאס אידישע פאלק איז די העכסטע און ריינסטע אומה, מער ווי יעדע אנדערע פאלק אויף דער וועלט.

עס זענען דא פיל מענטשן וואס האבן דאס נישט ריכטיג אפגעלערנט. איך האב אמאל געזאגט א דרשה אין א שוהל און ערקלערט אז דער דור המדבר איז געווען באליבט ביי השי"ת און זיי זענען אנגערופן געווארן מיט די טיטלען "ידידים" און "אוהבים". האט

איינער, א למדן, צווישן די צוהערער געהאט שטארקע טענות אויף מיר. "דאס איז אין סתירה צו די פסוקים אין דער תורה. עס שטייט דאך, '**והם לא ידעו דרכי**' (השי"ת זאגט, דאס אידישע פאלק האט נישט געוואוסט מיינע וועגן)", ווייזט ער מיר צו דעם פסוק (וואס מ'זאגט ביי קבלת שבת) אין סידור.

און ווי קען מען דען באשולדיגן די וואס האבן דאס נישט ריכטיג פארשטאנען? אלע כתבי הקודש מוסר'ן אויס אזוי שטארק דאס אידישע פאלק: ישעיהו, ירמיהו און יחזקאל - אלע זאגן אונז מוסר. אבער דאס אנצונעמען לויט ווי עס זעט אויס בפשטות, איז א גרויסער טעות, א מיספארשטענדעניש. אפילו אויפ'ן אמורא רבי עקיבא, זאגט די גמרא (סנהדרין קי:) "**שבקיה רבי עקיבא לחסידותיה**" - רבי עקיבא האט אפגעלאזט זיין חסידות ווען ער האט גערעדט וועגן דעם דור המדבר לויט'ן פשטות הכתובים. די מסקנא פון דער גמרא איז: "אספו לי חסידי" - פארזאמלט צו מיר מיינע חסידים, דעם דור המדבר. זיי זענען געווען דעם אויבערשטנ'ס "חסידים".

נאר אז מיר זענען געווען "חסידים", ידידים" און "אוהבים", איז פארוואס האבן די נביאים אונז אזוי הארב געשטראפט?

דאס איז געווען דערפאר, ווייל די נביאים האבן אונז דערמיט אויסגערייניגט. "עס איז דא א קליין שפרענקעלע אויף דיין פנים - וואש עס אפ!" יעדער קליינער פלעק איז א טראגעדיע, האט השי"ת געזאגט, "אוי, געוואלד, געוואלד, געוואלד! קוק אן דאס קליינע פלעקל וואס דו האסט דארט!" ווי עס וואלט געווען גאר א גרויסע זאך. ווען מיר לערנען דאס היינט, קענען מיר באקומען דעם איינדרוק, ווי אידן זענען געווען א שלעכט פאלק, חס ושלום.

## לאמיר זיך אויסלערנען טראכטן אזוי ווי בלעם

**דאס** איז גורם א גרויסע פראבלעם און צעמישעניש. מיר דארפן זיך ארויסשטעלן קעגן אלע די פאלשע געדאנקען, וואס מאכן אז מיר זאלן אראפקוקן אויפ'ן אידישן פאלק. מה עשה הקב"ה? ער האט אונז געשיקט א בלעם, א גוי - א גוי זוכט דאך נישט צו זאגן אויף אונז גוטס, און וואס קענען מיר שוין ערווארטן פון א גוי, א חוץ אונז בארעדן און באשולדיגן? אבער וואס האט פאסירט ווען בלעם האט געעפנט דאס מויל? עס זענען ארויסגעקומען פון דארט די רייד פון הקב"ה, און בלעם האט גארנישט געהאט צו זאגן, א חוץ לויב-רייד אויפ'ן אידישן פאלק. ווייסט איר שוין, אז דאס איז דער אמת! אויב מיר וועלן צולייגן אן אויער צו בלעמ'ס ווערטער, וועלן מיר ווערן עובדי ה'. מיר וועלן זיך אויסלערנען צו טראכטן אזוי ווי השי"ת.

ונהפוך הוא!

דער נביא זאגט (אין מיכה) "מיין פאלק, געדענקט דעם חסד וואס איך האב געטון מיט אייך, ווען בלעם איז גערופן געווארן אייך צו שעלטן, '**ויהפוך ה' אלקיך את הקללה לברכה**' - השי"ת, דיין ג-ט, האט איבערגעדרייט די קללה צו א ברכה". שטעלט זיך א קשיא: וואס איז דער גרויסער חסד דא? פארוואס זאל דען די

קללה פון בלעם בכלל חל זיין אויף אידן? פארוואס זאלן זיי דען געשאלטן ווערן?

לייגט צו קאפ צום ענטפער: בלעם וואלט געקענט רעדן אזוי ווי משה רבינו. ער וואלט געקענט זאגן ווערטער וואס וואלטן געווען זייער ביטער, ער וואלט געקענט זאגן, "**עם נבל ולא חכם**" - איר זענט זייער א נידעריג פאלק, איר האט געמאכט אן עגל. "**ארבעים שנה אקוט בדור ואומר עם תועי לבב הם והם לא ידעו דרכי**" - פערציג יאר האט איר געקריגט אויפ'ן אויבערשטן, און איר האט נישט געוואוסט זיינע וועגן. און דאס אלץ וואלט געווען אמת. משה רבינו האט דאך טאקע אזוי געזאגט; וואלט בלעם נישט געקענט זאגן דאס זעלבע? און דאס האט אייגנטליך בלק געוואלט פון אים הערן און האט באצאלט דערפאר גרויס געלט.

האט אבער הקב"ה געזאגט: "ניין, איך וועל דיר נישט לאזן דאס זאגן. איך וועל נישט ארייַנלייגן אזעלכע ווערטער אין דיין מויל! איך וועל איבערדרייען מיין הנהגה, און דו וועסט זאגן דאס פארקערטע פון דעם וואס מיינע נביאים האבן געזאגט פאר'ן אידישן פאלק. "**ויהפוך**" - איך וועל אלץ איבערקערן, און דו וועסט זאגן פונקט דעם היפוך; פון דיר וועלן זיי הערן - דעם אמת!

און דאס איז געווען נייעס, גרויס נייעס! משה רבינו קען אונז זאגן ווי שלעכט מיר זענען, ווייל ער האט עס נישט געמיינט! ער האט בלויז געוואלט אונזער טובה. אבער אויב דו, בלעם, וועסט עס זאגן, וועסטו מיינען דערמיט א קללה, איז ניין, כ'וועל עס דיר נישט לאזן זאגן. און פון בלעמ'ס מויל זענען ארויסגעקומען נאר ברכות. ויהפוך - השי"ת האט איבערגעדרייט זיין געוועגליכע הנהגה צום אידישן פאלק, און בלויז דער ריינער אמת איז ארויסגעקומען פון בלעמ'ס מויל - ברכות אנשטאט קללות.

מיר מוזן קוקן אויפ'ן אידישן פאלק דורך בלעמ'ס אויגן, נישט דורך די אויגן פון משה רבינו, און נישט דורך די אויגן פון ישעיהו און ירמיהו און אלע מוכיחים.

אוודאי דארפן מיר צוהערן זייערע רייד, אבער קוקן אויפ'ן אידישן פאלק - דארפן מיר נאר דורך די אויגן פון בלעם, ווייל דאס איז דער אמת. דאס איז דער ווילן פון השי"ת, אז מיר זאלן וויסן די גרויסקייט פון אידישן פאלק.

## השי"ת וויל מיר זאלן זען גוטס אויף אידן

**פארשטייט** איר שוין יעצט, פארוואס חז"ל האבן געוואלט אריינשטעלן די פרשה פון בלעם אין קריאת שמע. מיר לערנען כסדר די שטראף-רייד וואס השי"ת און זיינע נביאים האבן געזאגט צום אידישן פאלק, און דאס קען אונז מאכן טראכטן אז די אידישע קינדער זענען נישט געווען אזוי גוט, פונקט ווי די כלה וואלט געקענט טראכטן אז ווייל מ'רייניגט אזויפיל דאס חופה-קלייד, מיינט עס אז זי זעט אויס און גייט אנגעטון די ערגסטע פון אלע ארום... דערפאר האבן חז"ל געוואלט אז מיר זאלן חזר'ן פרשת בלעם יעדן טאג, כדי זיך איינצו'חזר'ן און אריינעמען אין קאפ די גרויסקייט און חשיבות, די קדושה, שיינקייט און מעלה פון אידישן פאלק.

און דאס איז דער רצון פון אויבערשטן, אז מיר זאלן אוועקגעבן צייט צו טראכטן

דערוועגן. ווייל נישט קיין חילוק וואס מיר וועלן זאגן, און וויפיל מיר זאלן נאר אריינטראכטן דערין, וועלן מיר קיינמאל נישט קענען גענוג ארויסברענגען די גרויסקייט פון אידישן פאלק.

און דאס איז אונזער פליכט אויף דער וועלט. וויפיל חסרונות מיר הערן אויף פרומע אידן, די קליינע דורכפאלן פון אידישן פאלק, דארפן מיר אבער נאך אלץ וויסן, אז דער אמת איז וואס בלעם האט געזאגט: "**לא הביט און ביעקב ולא ראה עמל בישראל**". און מיר דארפן כסדר באמבארדירן אונזערע מוחות מיט א כוואליע פון אמת, די אמת'דיגע גרויסקייט פון כלל ישראל. מיר דארפן אוועקשטעלן בלעם ווי אונזער מאדעל, און "ויהפוך" - מיר דארפן כסדר פארוואנדלען די קללות אין ברכות. מיר מוזן זיין זייער געווארנט צו זען בלויז גוטס, פונקט ווי בלעם האט געזאגט אויף כלל ישראל.

ווי אזוי קענען מיר דאס באווייזן? ווי אזוי זאלן מיר זען אונזער אייגענע גרויסקייט, בשעת מיר לערנען שטענדיג פון די זינד און פעלערן פון כלל ישראל? איז דער ענטפער, אז ווען מיר אנערקענען אונזער גרויסקייט, פירט דאס אז מיר זאלן פארלאנגען שלימות פון זיך און פון אונזערע שכנים. מיר קוקן אויף זיך דורך דער פארגרעסערונגס-גלאז פון דער תורה, און דערפאר קריטיקירן מיר זיך טאקע, און דאן שעמען מיר זיך מיט די חסרונות פון אונזער פאלק און שטעלן זיך נישט צופרידן בלויז מיט מיטלמעסיגע דערגרייכונגען, ווי עס גייט דאס שפריכווארט, "באקאנטשאפט ברענגט פאראכטונג" (ווען מ'איז צו נאענט באקאנט מיט איינעם אדער עפעס, איז שווער איינצוזען דאס חשיבות און עס ברענגט אז מ'זאל דערויף אראפקוקן). ווען איר שטייט צווישן פעלקער און קוקט אויף אידישע קינדער מיט'ן בליק פון א דורכשניטליכן מענטש, וועט איר זען בלויז געווענליכע, דורכשניטליכע מענטשן, אזוי ווי די מענטשן פון אנדערע פעלקער.

ווען א מענטש, א איד, א פרומער איד, שטייט אויף דער גאס און זעט א משפחה פון כולל-אינגעלייט, בני תורה, זעט עס אים אויס ווי נאך א געווענליכע משפחה. די קינדער זענען לוסטיג-לעבעדיג, אביסל ווילד, די מאמע איז פארנומען מיט קאכן און רייניגן, און אין הויז טוט זיך פונקט ווי אין יעדן אנדערן הויז. דא ליגט אבער דער גרויסער טעות פון נישט דערזען די ספעציעלע מעלה פון עם ישראל.

## א תורה-שטוב מיט א בליק פון אויבן

**דעריבער** דארפן מיר נעמען פאר זיך א מוסטער פון בלעם, וועלכער האט אונז געלערנט ווי אזוי אנצוקומען צו אט-דעם ציל, צו קוקן אויף אידן מיט'ן ריכטיגן בליק. "**כי מראש צורים אראנו**", זאגט בלעם, "איך זע דעם עם ישראל פון די שפיץ בערג". כ'קוק אויף זיי פון א הויכער פאזיציע. ווען איר שטייט אויף א בארג, קענט איר זען בעסער וואס ס'טוט זיך אונטן, אבער ווען איר שטייט אונטן, איז עס צומאל צו נאענט, און איר זעט נישט דעם אמת. "אלע אנדערע וואס זענען זיי, האבן וואס צו זאגן שלעכטס אויף זיי," ערקלערט בלעם, "אבער איך זע זיי פון א קוק-ווינקל וואס איז העכער ווי אלעמען, און איך זע דעם ריכטיגן אמת, אז דער אויבערשטער קוקט אויף זיי ווי די בעסטע מענטשן פון דער וועלט. קיינער קען זיך מיט זיי אפילו ווייט נישט גלייכן."

דערפאר, ווען איר שטייט און קוקט אויף דער משפחה פון א כולל-אינגערמאן, אדער ווען איר ווילט פארשטיין די גרויסקייט פון סיי-וועלכער פרום-אידישער שטוב, מוזט איר זיך אונטערהייבן און קוקן אויף זיי מיט א העכערן, נאבעלן בליק. אויב איר גייט אדורך דאס גאנצע לעבן אָן טראכטן, וועט איר קיינמאל נישט וויסן ריכטיג אפצושאצן דעם עם ישראל. נאר ווען איר שטעלט זיך אפ און קוקט אויפ'ן אידישן פאלק מיט'ן קלארן בליק וואס בלעם האט געהאט, וועט איר אנקומען איינצוזען די גרויסקייט פון אידן.

ווען איר קוקט אראפ יעצט "**מראש צורים**", פון די בערג, און איר זעט דאס אידישע פאלק, די עובדי ה', דורך די אויגן פון בלעם, וואס דאס הייסט באמת קוקן דורך די אויגן פון השי"ת, איז נישטא קיין שום פארגלייך צווישן א אידישע שטוב און די שטיבער פון די אומות העולם. איר וועט ערשטוינט ווערן פון דעם וואס אייערע אויגן זעען; איר וועט זען א פאלק וואס האט נישט צו זיך קיין גלייכן צווישן די פעלקער פון דער גאנצער וועלט. די בעסטע פעלקער, היינטיגע און אמאליגע, זענען קיינמאל נישט געקומען נאענט צום "המון בית ישראל", צום פשוט'ן, דורכשניטליכן איד.

עס איז אבער נישט גענוג בלויז צו קוקן אויף אידישע קינדער מיט'ן ריכטיגן בליק. מיר האבן די פליכט אויך צו לויבן דאס אידישע פאלק, אויסרימען די פרומע אידן. דאס איז א חיוב וואס ליגט אויף אונז. מיר מוזן זיך אויסלערנען ווי אזוי צו זאגן שבחים אויף ערליכע אידן, ווייל דאס איז וואס השי"ת ערווארט פון אונז. און דערפאר האט השי"ת געשיקט בלעם, אז ער זאל זיין פאר אונז א מאדעל זיך אפצולערנען פון אים. אויב דער גוי בלעם האט דאס געזאגט אין נאמען פון אויבערשטן, כדי מיר זאלן אנערקענען דעם אמת, איז עס אונזער פליכט שטענדיג אויסצולויבן דאס אידישע פאלק.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן
אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת

אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין**
**און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן**
**אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: 845-213-7571**
**פאר וויליאמסבורג רופט: 929-236-6802**

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**

# צו באשטעלן ביי אונז
# קונטרסים גליונות פאר:

שבת באווארפן / שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא"וו.

מיט די תפילות, קריאת התורה,
זמירות און ברהמ"ז

**לויט אייער פארלאנג,**

פארבינדט אייך מיט אונז ווי פריער אין וואך

**615.680.9029**
gilyonosshabbos@gmail.com




**ליינט די גליון יעדע וואך אין די קונטרס "גליונות לשב"ק",**

# ארויסהענגען די פאן דעם 4'טן יולי

## שאלה:

**זאל א רעליגיעזער איד ארויסהענגען א פאן דעם 4'טן יולי למספ'?**

## תשובה:

**לאמיר** אייך עפעס ערקלערן. פופציג יאר צוריק וואלט איך נישט גערעדט דערפון. איך זאג דרשות שוין העכער פופציג יאר, אבער איך האב נישט גערעדט פון אמעריקאנער פאנען. מיר דארפן דאס נישט. ווער דארף אמעריקאנער פאנען? עס איז נישט געווען וויכטיג צו רעדן דערפון.

**היינט**, אבער, אויב איר ווילט היינט טון אזוינס, זאג איך: יישר כח.

**פארוואס?** ווייל אלע רשעים צעטערטן די אמעריקאנער פאן, און זיי פרובירן צו דערנידעריגן אמעריקע. ווייסט איר פארוואס זיי פארברענען און פארשוועכן די אמעריקאנער פאן? נישט ווייל זיי זענען וואוילע גוים און ווילן פארבעסערן אמעריקע; זיי טוען דאס ווייל זיי זענען רשעים גמורים.

**די** ליבעראַלן פרובירן אלץ חרוב מאכן. און ווען דאס רשעות'דיגע העכסטע געריכט האט ארויסגעגעבן אן ערלויבעניש צו פארברענען די אמעריקאנער פאן און געאורטיילט אז די אמעריקאנער שטאַטן קענען נישט ארויסגעבן א געזעץ דערקעגן, איז דאס געווען א פארשוועכונג פון אמעריקע.

**אמעריקע**, נאך אלעם, איז א גוטע לאנד. מיר זענען געקומען אהער פון לענדער וואו מיר האבן געהאט אויסצושטיין רדיפות, און אט-די מדינה האט אונז געשענקט אלע רעכטן. איך וואלט געזאגט, מיר דארפן קושן די ערד פון אמעריקע. איך בין געווען אין אייראפע פאר א צייט, כ'בין געגאנגען דארט לערנען אין דער סלאַבאָדקער ישיבה, און ווען איך בין צוריקגעקומען אהער, האב איך געזען נאך מער אז דאס איז א געבענטשטע לאנד; עס איז א מתנה פון אויבערשטן פאר אונז. דארפן מיר נישט זיין דערפאר דאנקבאר?!

**שאלות און תשובות**
**מיט**
**ר' אביגדור מיללער זצ"ל**

**דערפאר** זאג איך, אז א איד זאל ארויסהענגען די אמעריקאנער פאן. יא, היינט יא. כ'וואלט נישט געזאגט אז איר באגייט א זינד אויב איר טוט דאס נישט, אבער איך מיין אז עס איז א גוטע זאך היינט צו-טאגס ארויסצוהענגען די פאן. דאס איז בשום אופן נישט קיין סתירה צו זיין א פרומער איד. מיר הענגען ארויס דעם 4'טן יולי די פאן פון אט-דעם בית המדרש.

**נדבת השבוע - פ' חקת בלק**
**נתנדב לעי"נ האוחה"ק רבינו חיים בן עטר זי"ע**
**יומא דהילולא ט"ו תמוז**
**זכות הלימוד יעמוד להנדבן להתברך בככל מילי דמיטב**

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות
בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"